# עולת שבת בשבתו

## ת"ת תורה ויראה דרבינו יואל ד'סאטמאר

בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

פה ק"ק קרית יואל יצ"ו



## דורש טוב

**ויאמר יעקב מי הם וגו' בני הם אשר נתן לי אלקים בזה:** זאגט רש"י אז יעקב אבינו האט זיי קודם נישט געוואלט בענטשן ווייל ער האט געזעהן אז ירבעם און אחאב וועלן ארויסקומען פון אפרים, און יהוא ובניו פון מנשה, האט יוסף הצדיק געוויזן פאר זיין טאטן דעם שטר אירוסין און שטר כתובה. דארף מען פארשטיין וואס האט יוסף אויפגעטון מיט דעם וואס ער האט געוויזן דעם שטר אירוסין וכתובה אז יעקב זאל וועלן בענטשן מנשה ואפרים.

נאר עס איז באקאנט די קשיא וואס דער מהרש"א פרעגט אויף דעם וואס מיר פסק'ענען ביי א בן סורר ומורה אז ער איז נידון על שם סופו, אפילו ער איז נאך יעצט נישט מחויב מיתה איז מען אים דן אויפן עתיד, און ביי ישמעאל זעהן מיר אין פסוק אז מ'איז אים דן באשר הוא שם, אפילו שפעטער איז ארויסגעקומען פון זיינע קינדער שווערע צרות פאר אידישע קינדער.

ענטפערט דער מהרש"א אז עס איז א חילוק צווישן א קינד וואס איז געבוירן געווארן בהיתר צי א קינד וואס איז געבוירן געווארן באיסור, א סורר ומורה וואס איז געבוירן פון א יפת תואר, וואס איז באמת נישט אזוי אויסגעהאלטן, נאר די תורה האט מתיר געווען כדי מ'זאל איר נישט נעמען באיסור, בין איך דן על שם סופו, אבער ישמעאל וואס איז געבוירן געווארן בהיתר איז מען נישט דן על שם סופו.

## ידיעות כמו דיוואר

די גמ' זאגט אין מס' פסחים (דף נ"ו ע"א) ויקרא יעקב אל בניו וגו' ביקש יעקב לגלות לבניו את הקץ, ונסתלקה ממנו שכינה, אמר שמא ח"ו יש במטתי פסול, אמרו לו בניו **שמע ישראל ה' אלקינו ה' אחד**.

ווען יעקב אבינו האט גערופן זיינע קינדער פארן שטארבן, און ער האט געוואלט אויסזאגן דעם סוף פון גלות, האט זיך די שכינה אפגעטון פון אים, האט ער מורא געהאט אפשר איז דא צווישן זיינע קינדער וואס זענען נישט ערליך, האבן זיינע קינדער געזאגט שמע ישראל ה' אלקינו ה' אחד, אזוי ווי דו גלייבסט נאר אין איין אייניציגן באשעפער, אזוי אויך מיר גלייבן נאר אין איין באשעפער.

דער **טור** (או"ח) זאגט אז ווען מען לייענט קריאת שמע זאל מען ארויפלייגן די הענט אויף די אויגן. פארוואס?

כדי ער זאל נישט ארומקוקן אויף אנדערע זאכן, וואס שטערן די כונה, און אלעס וואס א מענטש וועט טון צו ערוועקן זיין כונה איז א גוטע זאך.

**כ"ק מרן רבינו בעל ברך משה זצ"ל** זאגט דעם טעם (פר' כי תצא ע' קס"א) פארוואס

זאגט דער **פנינים יקרים** אז ווען יוסף האט געזעהן אז זיין טאטע האלט אז זיינע קינדער זענען נישט ראוי לברכה, ווייל ער קוקט אויף זיינע וויטערדיגע דורות און ער וויל זיי דן זיין על שם סופם. האט ער שנעל גענומען זיין שטר אירוסין וכתובה און געוויזן אז זיי זענען געבוירן געווארן בהיתר, ממילא איז מען זיי נישט דן על שם סופם, נאר באשר הוא שם.

*

**הנה אביך חולה:** דער **ווילנער גאון** זאגט א שיינעם רמז אינעם פסוק, די גמרא זאגט (בבא מציעא דף ל"א) אז ווען איינער וואס איז געבוירן אין די זעלבע מזל פונעם חולה איז **מבקר חולה** א קראנקן נעמט ער אוועק א זעכציג'סטל טייל פון זיין קרענק. עס שטייט אין מדרש אז יוסף מיט יעקב זענען געווען בן גילו ד.מ. וואס זענען געבוירן אין דעם זעלבן מזל, ווי מ'לערנט עס ארויס פון **כי בן זקונים הוא לו.**

דאס איז מרומז אינעם פסוק: **הנה אביך חולה**, דאס ווארט הנה באטרעפט זעכציג, ווייל קודם האט ער געהאט אלע זעכציג חלקים פון די קרענק, אבער נאכדעם וואס יוסף האט אים מבקר חולה געווען שטייט **וישב על המטה**, דאס ווארט המטה באטרעפט ניין און פופציג, ווייל ווען יוסף האט אים באזוכט איז אראפ א זעכציג'סטל טייל פון די קרענק, איז שוין נאר געבליבן 59.

# מוסר הפרשה

## ראה פניך לא פללתי והנה הראה אותי אלקים גם את זרעך:

לכאורה דארף מען פארשטיין פארוואס שטייט הראה אותי אלקים, עס וואלט געדארפט שטיין הראה לי אלקים?

זאגט **דער הייליגער ייטב לב זי"ע** אז דער פשט איז: רש"י זאגט אין פרשת וישב "**שהי' זיו איקונין דומה לו**" אז יוסף הצדיק האט געהאט די זעלבע צורה און "צלם אלקים" ווי יעקב אבינו.

דאס איז דער פשט וואס יעקב אבינו האט געזאגט: **ראה פניך לא פללתי**, איך האב נישט געטראכט אז דו האסט נאך דעם צלם אלקים, ווייל אויב מ'זינדיגט ח"ו פארלירט מען דעם צלם אלקים, **והנה הראה אותי**, דער אויבערשטער האט מיך געמאכט זעהן, מיין צלם אלקים, **גם את זרעך** אויך אויף דיינע קינדער, אז זיי זענען אויך ערליך.

מ'לייגט ארויף די הענט אויף די אויגן ביי שמע ישראל, וויבאלד דער עיקר קבלת עול מלכות שמים ווענדט זיך אין שמירת עינים, און אויב האט ער הייליגע אויגן קען ער זיך גרינג הייליגן דעם גאנצן קערפער, האבן חז"ל געהייסן צודעקן די אויגן ביי קרי"ש צו ציינען אז דאס איז דער עיקר.

אזוי אויך זאגט **כ"ק מרן רבינו זצ"ל** (שם פר' ויחי) א טעם אז דער יסוד פון קריאת שמע איז די אמונה אין השי"ת, און דער יסוד פון אמונה איז אז מען קוקט נישט וואס עס קומט פאר מיט אונז, ווייל מיר זענען מבטל אלעס וואס מיר ווילן נאר פארן רצון ה', און מיר זענען אלעס מקבל לטובה אז מ'ווייסט וואס דער באשעפער טוט איז גוט, וועגן דעם מאכט מען צו די אויגן צו ווישן אז מיר קוקן נישט און מיר ווייסן נישט, נאר אלעס וואס דער אייבערשטער טוט איז גוט פאר אונז.

אין **ברך משה** (פר' תרומה) זאגט דער רבי ז"ל אז וועגן דעם לייגט מען ארויף די האנט אויף די אויגן ווייל כאטש אין די היינטיגע צייטן זענען מיר נישט זוכה צו זעהן די התגלות פון כבוד מלכותו, דאך גלייבן מיר די גאנצע אמונה אין השי"ת ווייל ער איז היה הוה ויהיה כאטש מיר זעהן דאס נישט מיט די אויגן.

**מאשר שמנה לחמו והוא יתן מעדני מלך:**

טייטשט דער הייליגער **חתם סופר מאשר שמנה לחמו**, ווי אזוי קען א איד זוכה זיין אז זיין ברויט וואס ער עסט ביי א פשוט'ע סעודה זאל זיין הייליג און חשוב פארן רבש"ע, דאס איז ווען **והוא יתן**, אז דער מענטש האט אינזינען בשעת'ן עסן אז ער עסט אז דער ברויט זאל אים געבן כח, **מעדני מלך**, צו מאכן מטעמים און גוטע זאכן וואס זאל זיין א הנאה און נחת רוח פארן מלך מלכי המלכים, דאס מאכט אז די פשוט'ע עסן זאל האבן א קדושה.

# מעשה רב

ווען **דער רבי בעל דברי יואל זי"ע** איז געווען דער רב אין די שטאט סאטמאר אינדערהיים, פלעגט ער צו שפייזן פילע ארימע משפחות, און זיי אויסהאלטן דורכן שיקן געלט, און אנדערע באדערפענישן. צווישן די ארימעלייט וואס פלעגן באקומען פונעם רבי'ן תמיכה זענען אויך געווען אזעלכע וואס האבן דעם רבי'ן נישט נוהג כבוד געווען, עס זענען אויך געווען אזעלכע וואס האבן זיך נישט געשעמט צו רעדן אויפן רבי'ן מיט חוצפה און שאנד ווערטער.

אמאל האט מען דערציילט פארן רבי'ן אז די מענטשן וואס דער רבי שטיצט זיי, טוען אים בארעדן, און דער רבי דארף זיי מער נישט שטיצן אויב זיי זענען אזעלכע כפויי טובה.

האט דער רבי געענטפערט "וואס פארא שייכות האבן די צוויי זאכן? אויב זיי פירן זיך אויף אוממענטשליך, וועגן דעם דארפן די פרויען און קינדער ליידן? זיי דארפן וועגן דעם אויסגיין פאר הונגער?!

האט דער רבי דאן געזאגט "מיר זעהן אין פרשת ויחי זאגט רש"י אויפן פסוק **ועשית עמדי חסד ואמת, חסד שעושים עם המתים הוא חסד של אמת, שאינו מצפה לתשלום גמול**, א טובה וואס מען טוט פאר א נישט לעבעדיגן מענטש דאס ווערט אנגערופן א אמת'ע טובה ווייל ער ערווארטעט נישט אז מען זאל אים צוריק צאלן א טובה דערפאר, ווייל א טויטער מענטש קען דאך נישט צוריק צאלן א טובה.

האט דער רבי געזאגט "לענינינו קען מען זאגן דערויף, אז דער פשט איז אזוי: ווען מען טוט א טובה פאר א מענטש וואס ער לעבט שוין נישט, ווייסט מען על כל פנים אז קיין שלעכטס וועט ער שוין זיכער נישט צוריק טוהן, ווייל אז ער לעבט שוין נישט וועט ער שוין קיין שטיינער נישט ווארפן דערפאר, אנדערש איז אבער ווען מען טוט א טובה פאר א לעבעדיגן מענטש דארף מען זיין געריכט אז פון מאל צו מאל וועט ער צוריק צאלן א תשלום גמול, און מען קען כאפן שטיינער פאר די טובות וואס מען טוט...

# הילולא דצדיקיא

קומענדיגן ערב שבת, ח"י טבת, איז די יארצייט פון

## כ"ק הרב הקדוש רבי **צבי אלימלך שפירא** זצוק"ל

## אב"ד דינוב יע"א – בעמח"ס בני יששכר

דער **בני יששכר** איז געווען א תלמיד פונעם הייליגן רבי'ן רבי מענדעלע מרימנוב זי"ע, און פונעם הייליגן חוזה מלובלין זי"ע, און א נאנטער חבר מיטן ראפשיצער רב זי"ע.

דער הייליגער בני יששכר איז געווען פון די גרויסע לוחמים און קעמפפער קעגן אלע רשעי ישראל ועוקרי הדת, אין זיינע צייטן האבן זיך אנגעהויבן צו ארגאניזירן די "משכילים" וואס האבן געוואלט רעפארמירן דאס כלל ישראל, און דער בני יששכר איז ארויס קעגן זיי אין א פייערדיגן קאמף.

עס ווערט דערציילט אז אין יענע צייט איז דער בני יששכר שטארק קראנק געווארן, זעקס וואכן איז דורכגעגאנגען און זיין מצב איז געווארן ארגער, דער בני יששכר האט גארנישט געגעסן נאר געהאלטן אין איין קרעכצען און זיפצן, ביז ווען עס איז געקומען א גרויסער דאקטער וואס האט פעסטגעשטעלט די מחלה זאגנדיג "דער חולה איז זייער אנגעשטרענגט, ער שטרעבט צו עפעס א זאך און ווען ער וועט דאס דערגרייכן וועט אים בעסער ווערן..."

די ארומיגע האבן זיך געוואונדערט צו וועלכע גשמיות'דיגע געברויכן דער בני יששכר שטרעבט, אבער דער בני יששכר האט הערענדיג די רייד פונעם דאקטער זיך תיכף אויפגעהויבן נעמענדיג א הויפן מיט פאפיר און טינט צום שרייבן, און ער האט זיך איינגעשפארט אויף עטליכע טעג אין איין ציה.

דעמאלטס האט ער אפגעשריבן דעם גאנצן ספר "מעין גנים", וואס דארט ציגט ער איבער דאס שענדליכקייט פון השכלה און ער רייסט זיי ארונטער גאר שארף. ווען ער האט געענדיגט דעם ספר איז ער ארויסגעקומען געבענדיג א שווערן קרעכץ און זאגענדיג "יעצט איז מיר שוין בעסער געווארן, דא האב איך אויפגעדעקט דעם טמא'נעם פרצוף פון די משכילים".

(דער בני יששכר האט פארפאסט מערערע ספרים: בני יששכר על המועדים וחדשי השנה, אגרא דכלה על התורה, אגרא דפרקא ענינים, דרך פיקודיך על תרי"ג מצוות, מעין גנים א פירוש אויפן ספר אור החיים פון רבי יוסף יעב"ץ וואס דארט פירט ער די מערכה קעגן די משכילים, ברכה משולשת חידושים אויף משניות, והיה ברכה אויף משניות סדר זרעים און מס' ברכות, חידושי מהרצ"א אויף הל' חנוכה, מגיד תעלומה חידושים אויף מסכת ברכות בבלי ירושלמי רי"ף רא"ש מרדכי, ריח דודאים חידושים אויף מס' מגילה, רגל ישרה מערכות אויף עניני קבלה, הוספות מהרצ"א אויפן ספר סור מרע ועשה טוב פון רבי'ן ר' הערש מזידיטשוב, כלי הרועים א פירוש אויף ספר עובדי', דרך עדותיך א פירוש אויף טייל פון ספר יהושע, דברים נחמדים ליקוטים, הגהות מהרצ"א אויף זוהר און תיקונים און אויפן ספר יצירה פונעם רוקח, נחל אמונים אויפן חכמת הנפש פונעם רוקח, טעמי המצוות א קונטרס ע"ד קבלה אויף טעמי המצוות, תמכין דאורייתא תקנות פון חברת תמכין דאורייתא אין מונקאטש).

ער איז נסתלק געווארן בשנת תר"א לפ"ק

זכותו הגדול יגן עלינו ועל כל ישראל אמן

### דער ספר איז געשריבן געווארן מיט רוח הקודש!

דער הייליגער דברי חיים זי"ע פלעגט ראש השנה פאר תקיעת שופר לערנען אינעם ספר הק' בני יששכר, זענען אמאל געווען די צוויי צדיקים הרה"ק רבי הירצקא'לע ראצפערטער זי"ע מיט הרה"ק רבי שמואל קאמאדער זי"ע אין צאנז אויף ראש השנה און זיי זענען געווען נייגעריג צו וויסן וואס דער הייליגער דברי חיים טוט ראש השנה פאר תקיעת שופר, האבן זיי זיך באהאלטן אין צימער איידער דער דברי חיים איז אריינגעקומען און געווארט צו זעהן וואס ער טוט, ווען דער דברי חיים איז אריינגעקומען האבן זיי געזעהן ווי ער נעמט א ספר און ער איז דערין מעיין מיט א מורא'דיגע דביקות דריי און א האלב שעה אין א ציה, ביז דער שמש איז אריינגעקומען און אים דערמאנט אז עס איז שוין זייער שפעט, און ער דארף שוין גיין צו תקיעת שופר.

ווען דער דברי חיים איז ארויסגעגאנגען זענען זיי צוגעגאנגען צום טיש קוקן וואסערע קבלה ספר דער דברי חיים האט געלערנט, ווי ערשטוינט זענען זיי געווארן זעענדיג אז דער ספר איז "בני יששכר".

שפעטער ביים טיש זענען די צוויי צדיקים צוגעגאנגען צום דברי חיים נעמען שיריים, האט דער דברי חיים אנגעהויבן צו קלאפן מיט די הענט אויפן טיש "ס'איז אזוי שווער מיט די היינטיגע חסידים, זיי קוקן נאך דעם רבי'ן פון קאפ ביז פיס און מוזן וויסן וואס ער לערנט, זיי דארפן וויסן אז א צדיק קוקט אריין אין א ספר איז דאס זיכער געשריבן געווארן מיט רוח הקודש, און דער בני יששכר איז געווען א בעל רוח הקודש און זיין ספר איז געשריבן געווארן מיט רוח הקודש".